


# אור מיכאל

מאור תורתו של
הגה"ק ר' מיכאל אליעזר פארשלעגער זצוק"ל

פרשת שופטים

גליון 3


## תורה אפטייילונג

אין דער וואכעדיגער סדרה שטייט דער מצוה פון האבן א מלך ישראל – א אידישער קעניג. **שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה' אלוקיך בו** (דברים י"ז, ט"ו). דער רמב"ם שרייבט אז עס איז א מצוה פאר די אידען צו אפגעבן גרויס כבוד פארן קעניג און צו פארכטן פאר אים ווייל עס שטייט שום תשים עליך און מען דרש'נט אז זיין מורא זאל זיין אויף ענק. די רמב"ם שרייבט ווייטער אז די אידען מוזען פארכטן זייער קעניג אבער דער קעניג אליינץ מוז זיך האלטן מורא'דיג קליין, און ער מוז זיך אפגעבן מיט יעדן איינעם מיט רחמנות (רמב"ם הל' מלכים פרק ב הלכות א,ה).




דער רמב"ם לערנט ארויס די צוויי פארקערטע הלכות פון דוד המלך. דוד איז געווען א שטארקער קעניג וואס האט זיך געשלאגן מיט אלע שונאים פון די אידען אן קיין רחמנות. דער זעלבער דוד שרייבט אין תהלים **ולבי חלל בקרבי** (קט, כב). דוד'ס הארץ איז געווען הויל און אים. דאס מיינט אז זיין הארץ, וואס איז דער פלאץ פון גאווה, איז געווען גאר קליין ביי זיך. ס'איז אויך באקאנט די מדרש אז דער אייבישטער האט געוואלט זען צו גייט זיין א גוטער מנהיג ישראל האט ער געקוקט וויזוי ער געט זיך אף מיט זיינע שאף. דוד פלעגט קודם נעמען די גאר קליינע שאף צו עסן די גאר ווייכע גראז, און נאכדעם האט ער גענומען די גאר אלטע שאף צו עסן די מיטלווייכע גראז און ערשט נאכדעם האט ער גענומען די געזונטע, שטארקע שאף צו עסן די הארטע גראז. ווען דער אייבישטער האט דאס געזען האט ער געזאגט אזא פאסטעך וואס געט זיך אף מיט אזעלכער רחמנות זו זיינער שאף וועט זיכער זיין א גוטער מנהיג ישראל.


לכל עניני הספר נא לפנות לר' בן ציון בערגמאן
machonrf@gmail.com


ווי אזוי טאקע האט דוד געהאט ביידע מדות צוזאמען סיי מורא'דיגער אכזריות קעגן אידישער שונאים און סיי אזעלכער גרויסער רחמנות אפילו אויף שאף? אין זוהר שטייט אז יעדער אידישער קעניג מוז שטאמען פון מלכות בית דוד. די סיבה איז ווייל דוד האט געשטאמט פון רות וואס איז געווען פון פאלק מואב. די מואבים זענען געווען באקאנט ווי גאר אן אכזריות'דיגער פאלק. דורך דעם האט יעדער קעניג געהאט סיי דער מדה פון אכזריות פון מואב און סיי דער מדה פון רחמנות פון כלל ישראל וואס זענען דאך רחמנים בני רחמנים.

מ'קען זיך פון דעם לערנען א דרך אין לעבן. א יעדער איד, כולנו בני מלכים, מוז האבן אין זיך ביידע מדות, סיי א מורא'דיגער שטארקייט און עזות צו טוהן דיעבודת השם. אמאל האט מען מורא צו זיין איינער אליין ווען אלע טוהן אנדערש. מ'טאר נישט מורא האבן. דא דארף מען זיך שלאגן ווי דוד המלך קעגן גלית. אבער ווען ס'קומט

צו העלפן א איד, דא פארקערט דארף מען האבן א מורא'דיגער רחמנות און זיך האלטן קליין אזוי ווי דוד האט געזאגט ולבי חלל בקרבי.

## מעשה אפטיילונג

יפה הדברים למי שאמרם. דער תורה איז שיין פאסיג פאר הגה"צ ר' מיכאל פארשלעגער זצוק"ל. ר' מיכאל, פאר אלע וואס האבן עם געקענט, איז געווען א געוואלדיקער נעים הליכות. ער איז אייביג געווען העפטליך פאר יעדעם וואס ער האט באגעגנט. ווען ס'איז אבער געקומען צו עבודת השם איז ער געווען ווי א לייב.

זיין טאכטער האט דערציילט אז ווען ער איז נאך געווען א אינגל האט ער געהאט א גרויסער חשק צו לערנען פארטאגס. אבער וויבאלד ער איז געווען אזוי יונג האט זיין טאטע אים נישט געלאזט. ר' מיכאל נישט וועלענדיג פארפאסן לערנען פלעגט ער זיך ארויס גנב'ענען. איין נאכט האט ער זיך ארויס געכאפט און געלאפן אין שול ווייל ער האט געמיינט אז מ'דאווענט שוין. ווען ער איז אנגעקומען אין שול האט ער געזען אז די שול איז פארשפארט. ער איז בטעות אויפגעשטאנען נאך פרי אין דער נאכט. ווען ער איז צוריק אהיים האט ער געזען אז דער טיר פון שטוב האט זיך צוגעשפארט ווען ער איז ארויס. צו אויפוועקען זיינע עלטערען האט ער נישט געוואלט צוליב זיין גרויס כיבוד אב ואם. איז ער געבליבן שלאפן אינדרויסן ביז מ'האט עם געטראפען שלאפן אינדער פרי.




פון די מעשה קען מען זען זיינעביידע מדות. ער האט מיט גרויס שטארקייט געגאנגען לערנען אינמיטן נאכט. אבער אין די זעלבע צייט האט ער געהאט א גרויס מאס כבוד און האט נישט געוואלט קיינעם אויפוועקן. אזוי דארף מען זיך פירן. וואס מ'טוט פארן אייבישטער מוז מען טוהן מיט א שטאלצקייט און שטארקייט און וואס מ'טוט בין אדם לחבירו דארף מאן טוהן מיט א הכנעה און רחמנות.

## מופתים אפטיילונג

אין די לעצטע פאר יאר איז דער ציון המצוינת פון הכהן הגדול ר' מיכאל פארשלעגער זצ"ל געווארן א תל תלפיות ווי מענטשן גיסן זיך אויס דאס הארץ און זען גרויסע ישועות.

לעצטענס איז אנגעקומען צום מערכת א מעשה פלא וואס שיינט א ליכט אויף פילע מעשיות וואס קומען כסדר אריין. די מעשה הייבט זיך אן מיט א יונגע קינד וואס מ'האט לא עלינו אנטפלעקט יענע מעשה אויף זיין נירן, די מצב איז געווען אזוי שמאל אז די ארץ ישראל'דיגע דאקטוירים האבן נישט געוואלט אונטערנעמען די פאל און אים געשיקט קיין אמעריקא. אנקומענדיג קיין אמעריקא האבן זיי געגאנגען צו די גרעסטע דאקטוירים וואס האבן




קלאר געמאכט פאר די עלטערן אז זיי וועלן דארפן מיטמאכן מיטן קינד חדשים לאנג פון שווערע מצבים אין שפיטאל מיט קימא-טערעפית צוריקקומען צו זיך און נאכאמאל קימא שניידן אפריען נאכאמאל קימא א.א.וו. די משפחה האט כסדר געפרעגט אלע דאקטוירים צו איז דא א מעגליכקייט אז דאס איז נישט ממש יענע מעשה און אלע טעסטס האבן ליידער באוויזן די נישט גוטע.

די ערשטע אפאראציע איז געווען אנגעגרייט פאר מאנטאג. די משפחה האט געפלאנט די לעצטע טאג נארמאלע משפחה טאג זונטאג , אבער א נאנטע צום משפחה האט מיעץ געווען וויסנדיג פונעם ציון אין באלטימאר אז זיי זאלן ענדישעראויסנוצן די זונטאג צו פארן פון ניו יארק קיין באלטימאר צו פוילן א גענצליכע ישועה. זיי זענען אהינגעגאנגען און פארברענגט דארט שעות מיט אן אמת'ע השתפכות הנפש און צוגעזאגט ווען זיי זעען א ישועה וועלן זיי געבן א סכום הגון פאר הדפסת חידושיו.

פאר'ן אפאראציע האבן די דאקטוירים געזאגט אז עס איז דא א מעגליכקייט אז זיי וועלן קענען ראטעווען די ניר, בשעת'ן אפאראציע האבן די משפחה געזעצן אינדרויסן מיט א תהלים אינדערהאנט און געווארט.... די טיר מאכט זיך אויף די דאקטער קומט ארויס און זאגט דערוויל איז די אפאראציע געגאנגען געשמירט און עס איז בניסים זיי געלונגען צו ראטעווען די ניר "אינגאנצען" און לויט ווי עס זעט אויס קען זיין אז עס איז נישט די שעדליכע יענע מעשה אבער דאס וועלן זיי נאר קענען פעסטשטעלן נאך צוויי וואכן, נאך די לאנגע צוויי וואכן האבן זיי אימגעראכט מבושר געווארן די נס נגלה אז עס איז נישט די שעדליכע יענע מעשה און די קינד איז צוריק אהיים קיין ארץ ישראל!!

זיך צו פארבינדען וועגן דעם גלוין אדער צו נעמען א חלק אין די הוצאת קענט איר רופן ר' פנחס קרייזעל 845-263-0781
אדער שיקן א אימייל
rabbiforshlagerfoundation@gmail.com

די אדרעס צום ציון איז
B'nai Israel cemetery
3701 Southern Ave
Baltimore, MD 21206